# ROLL NO. 66-Y-698

## RECORDS OF

Company Yivo Inst
print name of organization or user in inch high letters—

START 15/311

CONTENTS Books

FINISH

OPERATOR Walter Cleary

GRAPHIC

DATE 3/7/66

GRAPHDEX SYSTEM

פֿון דער ביבליאָטעק
פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט
- ייִוואָ -, ניו-יאָרק
FROM THE LIBRARY OF
YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH,
NEW YORK

# IN MEMORY of ABRAHAM CAHAN

**Editor of the Jewish Daily Forward, 1897–1952**

Research archives on Jewish life throughout the world, at the Hebrew University of Jerusalem.

---

# צום אָנדענק פון אב. קאַהאַן

**רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" — 1897—1952**

וויסנשאַפטלעכער אַרכיוו וועגן יידישן לעבן אין דער וועלט ביים העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

---

# לזכר אברהם קאַהאַן

**עורך ה"פאָרווערטס" — 1897—1952**

ארכיון מדעי על חיי היהודים בעולם, על יד האוניברסיטה העברית בירושלים.

# פאריזער

פעריאדישע אויסגאבע

**№ 4**

סעפטעמבער

1946

BULLETIN N° 4 PARISER SCHRIFTEN

# פאריזער שריפטן

פעריאָדישע אויסגאַבע

אָרגאַן פונעם פאַרבאַנד

פון

יידישע קולטור-געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך

רעדאַקציע־קאָלעגיע .

דר. מ. דוואָרזשעצקי, כ. ניימאַן, דר. ה. סלאָוועס,
יה. קאָרנהענדלער, פראָפ. מ. קיוועליאָוויטש.

N° 4 סעפּטעמבער 1946


פאַרלאַג „אויפסניי“, פּאַריז 14, rue de Paradis, Paris-10e

עס דרוקט זיך און דערשיינט גאָר אינגיכן :

## יזכור-בוך

געווידמעט דעם אָנדענק פון פערצן פּאַ־
ריזער יידישע אומגעקומענע שרייבער,
אונטער דער רעדאַקציע פון: י. ספּעראַ,
ג. קעניג, מ. שולשטיין, ב. שלעווין.

געפינען זיך אין דרוק :

משה שולשטיין : אַ בוים צווישן חורבות (לידער און פּאָעמעס)

ב. שלעווין : די יידן פון בעלוויל (ראָמאַן).

---

יידישער פאָלקס-פאַרבאַנד, פּאַריז

אינגיכן דערשיינט :

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי :

## ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן :
Union Populaire Juive : 10 bis, rue d'Elzévir, Paris-3e

---

## יידישע פאָלקס-געשיכטע פון ש. דובנאָוו

אַרויסגעגעבן פון „אונזער שטימע“

30, rue de la Mare, Paris-20e. *Tél. : MEN* 95-57

אַלס פּרעמיע פאַר אירע לייענער

---

לייענט און פאַרשפּרייט

## פּאַריזער שריפטן

ווענן באַשטעלונגען און אַבאָנעמענטן זיך ווענדן

UNION DE LA CULTURE JUIVE

36, Rue Amelot - PARIS-XIe - Tél. : Roq. 54-65

# אינהאַלט


ד״ר ח. סלאָוועס — **שלום עליכם און מיר** — — — — — — — — — — 3

משה שולשטיין — **לידער** — — — — — — — — — — — — 8

מארק שאגאל — **„זאָלן מיר געפינען טרייסט״** — — — — — — — 15

ד״ר מארק דוואָרזשעצקי — **ליטעראַטור און קונסט אין געטאָ־ווילנע** 18

מרדכי שטריגלער — **לידער** — — — — — — — — — — — — — 29

מלכה לאָקער — **שטעט צעפאלן** — — — — — — — — — — — — 31

סאם: גאודסמיט — **וועטלויף צוליב דעם שכר פון אויבן** — — — — 33

מ.ווילנער — **דוד האָפשטיין** — — — — — — — — — — — — 43

י. ח. בילעצקי (תל־אביב) — **אברהם שלאָנסקי** — — — — — — — 49

ב. שלעווין — **אויף די אלטע שפּורן** (נאָוועלע) — — — — — — — 57

מ. ליטווין — **ליד** — — — — — — — — — — — — — — — 69

נ. ליסטווינסקי — **א וויכטיקער און פארלאָזענער פּראָבלעם** — — — 70

מ. ליטווין — **פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער פראנצויזישער ליטעראַטור** — — — — — — — — — — — — — — — 74

י. וויינפעלד — **המנס מפּלה** — — — — — — — — — — — — 82


## קריטיק:


1) **יהזקאל קאָרנה**,ענדלער — — — — — — — — — — — — 88

2) **ב. שלעווין** — — — — — — — — — — — — — — — 89

3) **מ. זעלדאָוו** — — — — — — — — — — — — — — — 91

**טעטיקייט פונעם פארבאנד פון יידישע קולטור ־ געזעלשאפטן אין פראנקרייך** — — — — — — — — — — — — — — 92

**קולטור ־ כראָניק** — — — — — — — — — — — — — — 93



ד״ר ח. סלאָוועס


# שלום־עליכם און מיר

ס׳איז געהאַט אויפגעקומען אַ מחשבה, גלייך נאָך דער באַפרייונג: צי וועלן די ביים־לעבן־געבליבענע יידן פון איירָאָפּע, די יעניקע, וואָס זענען אַדורך אַלע שבעה מדורי־גיהינום און נישט אומגעקומען — צי וועלן זיי נאָך קענען, צי וועלן זיי נאָך זיין מסוגל צו לייענען שלום־עליכמען? וועט זייער פאַרחושכטער בליק קענען אויפפינקלען אַמאָל אין פרייד פון שלום־עליכמס געלעכטער?... וועט זייער צעבלוטיקט האַרץ זיין ביכולת, אויפסנייז זיך צו עפענען פאַר דער שלום־עליכמדיקער הדווה און גליקזעליקייט?... וועלן זיי נישט אַמאָל פאַרשילטן דאָס געלעכטער בכלל, ווי אַ חלול־הקדושים, ווי אַ פאַראַט לגבי די מיליאָנען פאַרשווונדענע, וועמענס זכרון עס דאַרף בלייבן פאַראַנקערט אינעם באַוווסטזיין סיי טאָג און סיי נאַכט?...

די דאָזיקע מחשבה איז געווען גיכער אַן אַבסטראַקטע, ווייל לייענען שלום־עליכמען איז בכלל געווען אומעגלעך, צוליב דער פשוטער סבה, וואָס צוגלייך מיט די אומגעקומענע יידישע לעבנס איז אויך געווען אומגעקומען דאָס יידישע בוך.

אָבער אָט איז אַריבער אַ שטיקל צייט. די חרובע יידישע ישובים האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכוויז, ביסלעכוויז אָפּבויען. עס זענען אויך אויפגעשטאַנען תחית־המתים יידישע ביבליאָטעקן. יידישע לייענער האָבן זיך, ווי נאָך אַ גרויסן הונגער, אַ וואָרף געטאָן אויפן יידישן בוך, און אין דער ערשטער ריי — אויף שלום־עליכמען.

שלום־עליכם איז היינט דער אַמערסטן געלייענטער, דורכן שארית הפליטה, יידישער שרייבער. ער איז דער אמערסטן נאָענטער פון אלע אונזערע גרויסע וואָרט־מייסטער. זיין כסדרדיקע שכרות פון לעבן האָט גובר געווען די שכרות פון אומקום און טויט. ער איז אַ באַגייסטערער, אַ יאָ־זאָגער, אַ מיטבויער.

שלום־עליכם טרייסט נישט. ער היילט. קיין טרייסטער וואָלטן מיר היינט נישט פאַרנומען — צו גרויס איז דער אומגליק. „טרייסט דאָס פאָלק״, האָט גערופן פרץ. אָבער טרייסט־ווערטער זענען נישט מער ווי ווערטער. און ווערטער האָבן פארלוירן זייער שליטה אויף אונז. עס האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מין עקראַן — פון פיין, פאַרביטערונג און אַנטוישונג — וואָס מאַכט, אַז ווערטער זאָלן אָפּשפּרינגען, נישט דערגיין צו אונז.

אַז אַ חולה־מסוכן פאַרדייט נישט מער קיין רפואות, בלייבט בלויז איין האָפענונג: אויפן אינסטינקט פון לעבן, וואָס קעמפט קעגן אומקום און אויף דער זון, וואָס שטאַרקט און סטימולירט דעם קראַנקנס לעבנס־ווילן. שלום־עליכם איז היינט פאַר אונז ווי אַן אוצר פון זונען־שטראַלן. ער איז איין גרויסער, שפּרודלדיקער קוואַל פון לעבן און ליכט. מיר טויכן אַריין אינעם קוואַל און דערפילן תיכף ווי מחיהדיק־אומאויפהערלעך עס שטראָמט אין אונז, דורך יעדער פאָרע אונזערער, לעבנס־כח און לעבנס־פרייד. שלום־עליכמס ברענענדיקע ליבע צום לעבן שטעקט אָן. דער חולה־מסוכן, וואָס האָט געהאַט צוגעקוקט, כמעט גלייכגילטיק שוין, ווי זיינע כחות גייען אויס, באַקומט ווידער ליב דאָס לעבן. ער

